# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קע"ב – פר' טהרה תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתתלד) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' יושע נייישטאדט ע"ה

יעדעס מאל ווען איך פלעג אריינגיין בקודש פנימה צו **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע מיט א קוויטל, האב איך אלס געזאגט פארן גבאי אז ער זאל נאר שרייבן די נעמען אן קיין בקשות, און איך פלעג זאגן פארן רבי'ן אז דער רבי זאל אליינס זעהן אין קוויטל וואס עס זענען מיינע בקשות.

איינמאל איז מיין מחותן הרה"ח ר' אבא גאלדבערגער ע"ה געווען אין מאנטריאל, האב איך אים געבעטן אז ווען ער פארט אהיים זאל ער איבערגעבן פארן רבי'ן א קוויטל בשמי. וכך הוה ווען ער איז אנגעקומען אהיים איז ער אריין צום רבי'ן און געלאזט שרייבן א קוויטל פאר מיין משפחה, און דער גבאי האט צוגעשריבן א בקשה ביי יעדן נאמען כנהוג.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן האט ער דערציילט אז ער איז געווען אין מאנטריאל און זיין מחותן ר' יושע נייישטאדט האט אים געבעטן אז ער זאל איבערגעבן א קוויטל בשמו.

דער רבי נעמט דאס קוויטל אין די האנט און ער רופט זיך אן "איך קען ר' יושע'ס קוויטל, דאס איז נישט זיין קוויטל, גיי ארויס און שרייב איבער דעם קוויטל אן קיין בקשות". וכך הוה, ער האט איבערגעשריבן דאס קוויטלביים גבאי'ן אן קיין בקשות און דאן האט דאס דער רבי געליינט, זאגנדיג "אה, דאס איז ר' יושע'ס קוויטל". (די יארצייט איז ג' ניסן הבעל"ט) (שמעון צבי שווארץ, דוד אלי' לעבאוויטש)

תתתתלה) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הגה"צ רבי משה חיים רובין שליט"א אב"ד דינוב

מיין טאטע הגה"צ רבי מנחם מענדל רובין זצ"ל אב"ד **קאלבאסוב** איז געווען א זון פון הרבנית הצדיקת מרת יודית ע"ה, די טאכטער פון הגה"ק **רבי דוד'ל דינוב'ער** זי"ע.

מיין טאטע ז"ל האט מיר דערציילט אז אין א דארף נעבן דינוב איז א גוי אמאל געקומען שבת צו א קרעטשמע און געבעטן וויין. דער קרעטשמער האט אים נישט געוואלט פארקויפן וויין אום שבת, האט דער גוי אנגעהויבן צו שלאגן דעם איד ביז ווען דער קרעטשמער האט געזעהן אז דער גוי איז צעווילדעוועט האט ער אים אראפגעלאזט א שטארקן פאטש און דער גוי איז אראפגעפאלן טויט.

ווי פארשטענדליך איז פארן קרעטשמער געווארן שווארץ פאר די אויגן, זעהנדיג ווי דער גוי לעבט נישט, און ער האט פארשטאנען אז איינמאל מ'זעהט וואס דא טוט זיך וועט ח"ו געשעהן א פאגראם אויף אלע אידן, האט ער פארשפארט זיין הויז און וואוסענדיג אז יעדע רגע האנדלט זיך אין פיקוח נפש איז ער נאך אינמיטן שבת געפארן קיין דינוב צו הרה"ק רבי דוד'ל, און ער איז דארט אנגעקומען אינמיטן שלש סעודות. ער האט זיך צוגעשטופט צום רבי'ן און אנגעהויבן צו וויינען דערציילנדיג איבער זיין אומגליק.

דער רבי האט אים בארוהיגט אז עס וועט זיין אין ארדענונג, און ער האט אים געהייסן שנעל אהיים פארן. ווען ער איז אנגעקומען אהיים זעהט ער דער גוי שטעלט זיך אויף פון דער ערד און ער גייט אהיים. (ביז דא איז די מעשה אזוי ווי מיין טאטע ז"ל האט דאס דערציילט, מיט יארן שפעטער האב איך געהערט פון כ"ק אדמו"ר רבי יענקעלע זצ"ל מפשעווארסק, אז ווען דער גוי איז אנגעקומען אהיים איז ער ביים טיר פון זיין הויז אראפ געפאלן טויט).

מיט עטליכע יאר דערויף, נאך די צווייטע וועלט מלחמה זענען מיר געווען אין די אמעריקאנער די.פי. לאגערן, און מיר זענען דארט געווען במשך חודש תשרי די אלע הייליגע טעג. שמחת תורה האב איך געוואלט עולה זיין חתן בראשית, אבער דארט איז געווען א איד וואס האט שטארק ארויפגעצויגן די פרייז און ער האט דאס אפגעקויפט.

צו מיין וואונדער האט מען מיך אויפגערופן צו "חתן בראשית".

נאכן דאווענען קומט צו מיר דער קונה פון די עלי' ער שטעלט זיך פאר מיטן נאמען ר' יוסף ערלאנד, און ער פרעגט מיך צי איך בין א דינוב'ער אייניקל, ווייל ער שטאמט פון דינוב, און וועגן דעם האט ער מיר געקויפט די עליה.

רעדנדיג פון דינוב האב איך אים געפרעגט צי ער האט אמאל געהערט רעדן פון א מעשה אז דער זיידע רבי דוד'ל דינוב'ער האט מחי' מתים געווען א גוי כדי צו ראטעווען א קרעטשמער פון א צרה. זאגט ער מיר "אוודאי האב איך געהערט די מעשה, און דער קרעטשמער איז געווען מיין זיידע"... (מנחם מענדל פריעדמאן, יצחק יחיאל פריעדמאן, יואל הילל יאזעפאוויטש)

תתתתלו) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אברהם ביקעל הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' יוסף אלי' ע"ה איז געווען פון די געטרייע חסידים פון **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע אין בני ברק. אין יענע צייטן איז נישט געווען אין בני ברק א מיידל שולע וואו מ'זאל לערנען אויף אידיש, אלעס האט געלערנט אויף די טמא'נע העברעאישע שפראך, און רביה"ק זי"ע האט נישט געהאט קיין מנוחה און ער האט פארלאנגט אז מ'זאל מייסד זיין א מיידל שולע על טהרת הקודש וואו מ'זאל לערנען אויף אידיש.

אזוי ווי עס איז נאר געווען איינצעלנע מיידלעך וואס האבן געוואלט לערנען אויף אידיש, האט ער געברענגט עטליכע ערליכע מיידלעך פון באר שבע וואס זאלן לערנען אין די נייע מיידל שולע, און צוזאמען מיט זיין טאכטער איז געגרינדעט געווארן די שולע. די מיידלעך פון באר שבע זענען איינגעשטאנען ביי אונז אין שטוב, און מיין מאמע ע"ה האט זיך אפגעגעבן מיט זיי ווי אייגענע קינדער אז עס זאל זיי גארנישט פעלן.

מיט עטליכע יאר צוריק האט מיין מאמע ע"ה באקומען א חתונה בריוול צו א חתונה וואס קומט פאר אין בארא פארק, און עס איז געווען צוגעשריבן א בקשה אז זי זאל ביטע קומען צו די חתונה, ווייל מ'ווארט אויף איר זייער שטארק. זי איז געפארן צו די חתונה, עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די באבע פון די כלה איז געווען איינע פון די מיידלעך וואס זענען איינגעשטאנען ביי אונז, און זי האט זיך זייער געפריידט צו איר, זאגנדיג אז נאר אין איר זכות האט זי זוכה געווען צו ערליכע אידישע דורות, ווייל דער חינוך פון איר שטוב, מיטן חינוך פון 'בנות ארץ ישראל' דסאטמאר אין בני ברק באגלייט איר ביזן היינטיגן טאג. (יוסף אלי' ברי"י ביקעל, יוסף אלי' בר"י ביקעל, יוסף אלי' סאמעט, יעקב יושע ביקעל, משה בערגער, משה ביקעל)

תתתתלז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אפרים שמואל פעלדמאן הי"ו

אינדערהיים ווען מ'האט געקויפט א נייע מלבוש פלעגט מען נישט קויפן פארטיגע קליידער, נאר מ'האט געקויפט סחורה, און מ'איז געגאנגען צום שניידער אויפנייען דעם מלבוש. ווי פארשטענדליך האבן מיר זייער זעלטן זוכה געווען צו נייע מלבושים, נאר מ'האט בדרך כלל גע'ירש'ענט פון אנדערע וואס זענען דאס אויסגעוואקסן.

איינמאל אינמיטן פראסטיגן ווינטער האב איך פארלוירן מיין מאנטל, און עס איז נישט געווען קיין ברירה, מ'האט תיכף געדארפט האבן א ניי מאנטל ווייל אנדערש האב איך נישט געקענט ארויסגיין פון שטוב, און צו לאזן אויפנייען א מאנטל ביים שניידער האט געקענט נעמען ביז זעקס וואכן, איז מען בלית ברירה געגאנגען קויפן א פארטיגן מאנטל.

נאר אזוי ווי עס איז נאך דעמאלטס נישט געווען קיין חסיד'ישע מלבושים געשעפטן, האט מיין ניי מאנטל געדארפט אריבערגיין א גאנצע רענאוואציע ביז ווען איך האב דאס געקענט אנטון. מ'האט גענומען דאס מאנטל און געטראגן צום שניידער אז ער זאל דאס אהערשטעלן אז מ'זאל דאס פארמאכן רעכטס אויף לינקס, און ביי די אקסל איז אראפגעהאנגען שטיקלעך סחורה וואס איז געווען א 'סטייל' האט מען דאס אראפגעשניטן, און די גאלדענע קנעפלעך האט מען געטוישט אויף פשוט'ע שווארצע קנעפלעך, ביז ווען דאס האט משנה צורה געווען צו א איידעלע חסיד'ישע מלבוש, און נישט געהאט קיין שום ענדליכקייטן צו גוי'אישע און מאדערנע מלבושים. (יוסף שלמה קלאר, יעקב יודא טויב, אליעזר טויב, יחיאל אלתר טויב, משה טויב, דוד יודא פעלדמאן, יצחק אלימלך פעלדמאן)

**תתתתלח) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך געשמועס מיט כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי משה ארי' האלבערשטאם זצ"ל אדמו"ר מנאסאד און איך האב אים נאכדערציילט אז רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אמאל געזאגט אז יעדער צדיק וואס האט מסיים געווען א תקופה איז געווען גרעסער פון די צדיקים וואס זענען געווען פאר איהם, אזוי ווי א לעכטל פאר עס פארלעשט זיך פלאקערט עס אויף. רבינו הק' האט געענדיגט די תקופה פון תנאים איז ער געווען גרעסער פון די וואס זענען געווען פאר אים, רב אשי האט געענדיגט די תקופה פון אמוראים, רב האי גאון האט געענדיגט די תקופה פון גאונים (מהר"י מיגאש שרייבט אויף איהם "האחרון בזמן והראשון במעלה) דער רא"ש האט געענדיגט די תקופה פון די ראשונים, דער דברי חיים האט געענדיגט די תקופה פון תלמידי בעש"ט, די אלע זענען געווען גרעסער ווי די וואס זענען געווען פריער פון זיי.

האט מיט דער נאסאדער רבי דערציילט אז זיין זיידע הגה"ק מנאסאד זצ"ל האט געזאגט אז "דער ערשטער און דער לעצטער זענען געווען די גרעסטע, דער ערשטער איז געווען דער בעל שם טוב הק' זי"ע, און דער לעצטער איז געווען דער הייליגער דברי חיים זי"ע. (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד).

**תתתתלט) עס דערציילט אונזער זיידע-עלטער פעטער**

## הרה"ח ר' משה פאלקאוויטש הי"ו

עס איז געווען אין וויען א גוי'אישער דרוקער אנטאן שמידט וועלכער האט געדרוקט א ש"ס, און ער האט אויפגענומען א אידישן מגיה וועלכער האט צוגעלייגט זיינע הגהות און הערות צו פארשענערן דעם ש"ס, און אסאך גדולי ישראל האבן באוואונדערט די שיינע ארבעט און זיי האבן געגעבן זייערע הסכמות אויף דעם ש"ס.

אין יענע צייט איז געווען אונזער עלטער זיידע הגה"צ רבי דוד דייטש זצ"ל בעמח"ס אוהל דוד א תלמיד פונם נודע ביהודה, און א חבר מיטן חתם סופר זי"ע, ער האט געוואוסט אז דער מגיה איז א רשע און א אפיקורס, ממילא האט ער כסדר פארפירט און מעורר געווען אז מ'טאר אים נישט געבן קיין הסכמות, און מ'טאר נישט מחזק זיין דעם ש"ס ווייל ער איז עלול אריינצוּווארפן דברי מינות אינעם ש"ס. אבער עס איז נישט געווען ווער עס זאל זיך וואוסנדיג מאכן פון זיינע ווערטער.

האט ער גענומען צען מענטשן און אריבער געפארן בסוד אויף שבת קיין וויען, און ארויסגענומען א דירה נעבן די דרוקעריי וואו זיי זענען געווען גאנץ שבת. פאר קריאת התורה האט ער זיך אנגערופן פאר זיינע מענטשן "לאמיר יעצט גיין". און דער זיידע מיט די צען מענטשן האבן אריינגעשטורעמט אין די דרוקעריי און זיי האבן אים געטראפן זיצן און שרייבן זיינע הגהות אויפן ש"ס אינמיטן שבת.

ווען ער האט געזעהן אז מ'האט אים געכאפט ביי די מעשה איז ער געפאלן חלשות און געכאפט א הארץ אטאקע, און דער זיידע מיט זיינע מענטשן זענען ארויסגעלאפן אויפן גאס שרייען קולות "געוואלד! איינער האט גע'חלש'ט!", ווען מענטשן האבן דאס געהערט איז געווארן א צוזאמעלויפעניש פון די גאנצע שטאט, און עס איז נתפרסם געווארן איבעראל אז ער איז א אפיקורס און מחלל שבת, דער רשע האט געכאט א הארץ אטאקע און גע'פגר'ט אויפן ארט, און אלע רבנים האבן דעמאלטס צוריק געצויגן זייער הסכמה. (ישראל מאיר פאלקאוויטש, יצחק שמואל סעגעדין, שלמה מנשה פייערשטיין)

**תתתתמ) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע**

## הרה"ח ר' אברהם יעקב הכהן גלאנצער ע"ה

פונדערהיים איז ער געווען א באבוב'ער חסיד, און קומענדיג קיין אמעריקע האט ער מחליט געווען זיך מקשר זיין אין רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. בו ביום וואס ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע איז ער אריבער צום רבי'ן ז"ל, דער רבי האט אים זייערווארעם אויפגענומען, און געשמועסט מיט אים, אבער אפילו דער זיידע האט זיך ווייטער געדרייט ביים רבי'ן אין שטוב און אין ביהמ"ד האט נישט אויסגעזעהן ווי דער רבי זוכט אים צו האלטן ביי זיך, און ער האט אים נישט ארויסגעצייגט קיין ספעציעלע נאנטקייט.

דער זיידע איז דאך געווען אן אפענער מענטש, און ער איז געגאנגען מיטן אמת לאמיתה, האט ער גענומען קוראזש, און ער איז נאכאמאל אריינגעגאנגען בקודש פנימה צום רבין און ער האט זיך אנגערופן: "כ'האב נישט קיינעם אויף די וועלט, איך האב נישט קיין טאטע, איך וויל אז דער רבי זאל זיין מיין טאטע"...

דער רבי איז שטיל געבליבן פאר א פאר מינוט, ער האט אים אנגעקוקט און גארנישט געזאגט.

ווי דער זיידע האט שפעטער דערציילט האט ער באמערקט אויפן רבי'נס בליק אז דער רבי האט אנגענומען זיינע ווערטער, ער האט דערהערט זיין בקשה, ער האט איינגעוויליגט אים צו נעמען אונטער זיינע פליגל ווי א טאטע אן אייגן קינד.

אמאל פאר פסח האט אים דער רבי געלאזט רופן און ער האט אים געבעטן צו פארן קיין אנטווערפן ארויסצוהעלפן א היימישן איד וואס איז אריינגעפאלן אין חובות, יענער איד האט זיך פארפלאנטערט מיט פופציג טויזנט דאללאר. די בעלי חובות האבן אים געמאנט דאס געלט, ער האט אוודאי נישט געהאט צו באצאלן, און עס איז געווען א חילול השם, אזוי ווייט אז ער האט זיך געשעמט ארויסצוגיין אויף די גאס.

אנטווערפן איז געווען א ציוני'סטישע שטאט, וואו מ'האט כסדר בארעדט און פארפיינטעט דעם רבי'ן צוליב זיין מלחמה מיט ציונית, ממילא אז א סאטמארער איד האט אזוי מיאוס אנגעזעצט איז דאס געווען א שטארקער בזיון פאר סאטמאר. דעם רבי'ן איז דעריבער געגאנגען בנפשו אז דאס ענין זאל זיך ענדיגן בכי טוב.

טראצדעם וואס פארן זיידן איז אזא רייזע געווען זייער נישט לייכט. פאר פסח איז געווען זיין עיקר 'סעזאן' פון זיין דעמאלטסדיגע פרנסה פון פארקויפן אייער. האט ער נישט געטראכט צוויי מאל, ער האט נישט גענומען אין באטראכט זיין גרויסן געלט שאדן וכדומה, ער האט געוואוסט אז ווען דער רבי הייסט דארף מען עס טון.

ווען דער זיידע האט דאס דערציילט האט ער זיך אויסגעדריקט "איך האב זיך זייער געוואונדערט אויפן רבי'נס בקשה, דער רבי ווייסט דאך אז יעצט אין דעם סעזאן איז מיין עיקר פרנסה, און אז איך ארבעט זייער שווער, פארוואס לייגט ער ארויף אויף מיר אזא שווערע שליחות צו דארפן אוועק פארן אין אזא אנגעצויגענע צייט?!... אבער נאכדעם האב איך מיך דערמאנט אז איך האב עס אליינס בוחר געווען, כ'האב געזאגט פארן רבין איך וויל זיין אזוי ווי א קינד, ער האט זיך טאקע באניצט מיט מיר ווי א קינד".

דער זיידע איז אהיים געקומען דאנערשטאג נאכמיטאג אין די ערב פסח תקופה, און ער זאגט פאר די באבע תחי' "דער רבי האט מיך געהייסן פארן קיין אנטווערפן, קען איך פארן?!"... די באבע האט אויפן ארט רעאגירט "נו, ווי קען איך זאגן ניין". ווי שווער עס איז איר געווען פאר פסח מיט א שטוב מיט קליינע קינדער איז זי געגאנגען און אים צוזאמען געפאקט זיינע זאכן, און געהאלפן ארויספארן קיין אנטווערפן.

דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף די באבע תחי' "זי איז א אשה כשרה העושה רצון בעלה".

מיט די יארן האבן זיי זוכה געווען אינאיינעם צו טון נאך אסאך פעולות וואס האט מחיה געווען דעם רבי'ן ז"ל. (חיים הערש גלאנצער, ברוך יודא מיטעלמאן, דוד מאיר ווייס)

**תתתתמא) לזכרו הבהיר פונעם איש החסד**

## הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה

עס איז דא אסאך צו שרייבן וואס ר' דוד לייב ע"ה האט געטון פאר די תלמידים פון די מוסדות הק' בפרט ובכלל, אבער איך וויל שרייבן וואס ער פלעגט העלפן אונזער משפחה, אזוי ווי מיין טאטע הי"ו איז איינגעשטעלט אין די מוסדות און אין "מחנה בית רחל", פלעגט ער אונז כסדר טון טובות, אזוי ווייט אז די קליינע קינדער האבן נאר געוואוסט אז זיין נאמען איז 'דער גוטער מענטש'.

וואוסנדיג אז מיין טאטע איז שטארק פארנומען מיט זיין ארבעט אין קעמפ, האט ער זיך אליינס גענומען צו זארגן אז עס זאל גארנישט פעלן פאר אונזער משפחה, אין די ווינטער חדשים ווען מיין טאטע האט געארבעט אין קעמפ אליינס און אין די געגענט זענען אלע געשעפטן געשלאסן, פלעגט ער כסדר ארויספארן און ברענגען פאר מיין טאטן וואס ער האט נאך געטראכט אז ער קען דארפן. וואוסנדיג אז מיין טאטע גלייכט צו לערנען שבת די תורות פון פארשידענע קונטרסים און גליונות, פלעגט ער גיין יעדן פרייטאג דאס פארשאפן און ארויסברענגען אין קעמפ.

פארגאנגענעם זומער איז ער שוין ל"ע שטארק נישט געזונט געווען, ביים אהיימפארן פון קעמפ האט אים מיין טאטע געפרעגט צי ער האט פלאץ אין זיין ווען פאר עטליכע גרעסערע חפצים, ער האט אוודאי מסכים געווען, מיין טאטע האט געוואוסט אז ער גייט כסדר אויף טריעטמענטס און ער איז זייער שוואך, האט ער אים אנגעזאגט אז ווען ער קומט אן קיין קרית יואל זאל ער אים אנרופן אז ער זאל קענען ארויסנעמען די זאכן פון זיין ווען. אבער ווען מיר זענען אנגעקומען אהיים איז שוין אלעס געלעגן גרייט נעבן אונזער טיר. ווען מיין טאטע האט אים אנגערופן און געפרעגט פארוואס ער האט דאס אליינס ארויפגעשלעפט, האט ער געענטפערט "איך האב אייך נישט געוואלט מטריח זיין"... קאמענטארן זענען איבריג.

עס איז געווען ווען מיין טאטע פלעגט ארבעטן זייער שווער אין קעמפ פארן זומער סעזאן, און ער פלעגט אהיימקומען שפעט ביינאכט, און מיר האבן דעמאלטס געהאט א פיצל קינד פון פיר וואכן. האט ער אליינס מחליט געווען צו זארגן און געברענגט יעדע נאכט נאכטמאל פאר אונזער משפחה.

איך ווייס אז מיר זענען נישט געווען די איינציגסטע וואס האבן נהנה געווען פון זיין מעשי החסד, ווייל ער האט אויפן זעלבן אופן טאג טעגליך מחיה געווען וועמען ער האט נאר געקענט, ער איז געווען א "רודף צדקה וחסד" אין פולן זין פון ווארט.

חבל על דאבדין, יהא זכרו ברוך. (שמחה פעלבערבוים)